AR-SHOA-012-24
משואה תל יצחק
ארכיון
12 10241 ל
מרכוז: 3450
מחשב: 25087

"מה שעיני ראו בימים הנוראים ב פרוסקורוב" . מספר ,
ע"י ישר: פשטליפלווסקי - תרגם לעברית ומהלל יחד
אבר הגלה האדום הבני , ורשה , 1928

משואה
MASSUAH

# וואס מיינע אויגען האבען געזעהן
# אין די שוידערליכע טעג אין פראסקוראוו

דערצעהלט פון

**יאן פשעבאווסקי**

געוועזענער פאלקאווניק און שפעטער מיטגליד פון דעניקינשען רויטען קרייץ

משואה תל-יצחק
ארכיון
פר 2 1
B 6.13.70

ארויסגעבער ש. צוקער, ווארשע, נאוואליפיע 21.

1928

ח.מ.סנדרוביץ
קטלוג ___ עמוד ___
מספר ___
תרפ"ח | ... | 1928
CH. M. SENDROWICZ

ספרית
"מ. סדרוני"
תל־אביב

מסואה
MASSUAH

נאָכדרוק פערבאָטען.

# וואס מײנע אויגען האבען געזעהן
# אין די שוידערליכע טעג אין פּראסקוראוו

דערצעהלט פון
יאן פּשאנאָווסקי
געוועזענער פּולקאָווניק און שפּעטער מיטגליד פון דעגישען רויטען קרייץ

—o—

פּרייז 80 גראָשען.

# חורבן פראסקוראוו

(1919).

איינינע טעג פארן פאגראם איז צו מיר געקומען דער אדיוטאנט פונ'ם אטאמאן סעמעסענקא מיט דער ביטע, איך זאל אין געהיים ארויסשיקן צו זיין אטאמאן א דאקטאר. איך האב געענטפערט, אז איך האב מעהרערע דאקטוירים ספעציאליסטען פון פערשידענע קראנקהייטען, דער אטאמאן דארף זיך דעריבער אויסוועהלען א דאקטאר לויט דער קראנקהייט אויף וועלכער ער ליידט. דער אדיוטאנט האט געבעטען שיקן א ספעציאליסט פון הויט-קראנקהייטען. איך האב איינגעשטימט צו בעטען מיינעם א דאקטאר אויסצוהיילען וואס גיכער די קראנקהייט און האב דערביי צוגעגעבען: הגם איך בין נישט קיין דאקטאר, דארף איך יעדענפאלס ראטען אייער אטאמאן צו זיין מעהר איינגעהאלטען, ווארום עס געהען ארום קלאנגען, אז ער פיהרט זיך אויף נידעריגער פון יעדער קריטיק. דער אדיוטאנט האט מיר געענטפערט. אז ער גיט מיר אנ'עהרען-ווארט, דאס זיין אטאמאן וועט זיין מעהר איינגעהאלטען, דאס הייסט, ער וועט נישט שיכורען. איך האב געזאגט, אז איך גלויב נישט דערין, ווייל אין פראסקוראוו זענען פארהאן פיעל שענע אידישע פרויען, אויף וואס דער אדיוטאנט האט געענטפערט, אז דער אטאמאן סעמעסענקא האט פיינד די דאזיגע אומה, אז דאס פאסט נישט פאר איהם אלס פעטלורא'ס אטאמאן. דערויף האט דער אדיוטאנט פערזיכערט, אז איך וועל זיך קאנען דערין נאך איינגיכען איבערצייגען.

משואה
MASSUAH

# .I

אין קריסטישען טאג, דעם 15-טען פעברואר 1919, ארום 4 א זייגער פריה בין איך איבערגעוועקט געווארען דורך א שטארקער קאנאנאדע, און אין א פאר מינוט ארום איז אריינגעלאפען צו מיר אין צימער א דער־שראקענער מיין אורינאנס, מעלדענדיג מיר וועגען דער שיסעריי. אזוי ווי איך האב נישט געהאט קיין פערדאכט, אז עס זאל זיין עפעס אן אנפאל, האב איך איינמערקזאם געמאכט דעם אדיוטאנט, אז ער אלס א געניטער סאלדאט דארף מיך נישט בעאונרוהיגען מיט מעלדונגען וועגען עפעס א שיסעריי. דערווייל האט־איך אבער גענומען טראגען פון דרויסען א ווייט גע־רויש, און איך האב דעם ארדינאנס בעפוילען צו דערוויסען זיך וועגען דער סיבה דערפון. אינצווישען איז געקומען צו מיר דער דיזשורני פון עטאפ, דער פאטיול־פיהרער סטאניסלאוו אורבאניאק, און האט מיר ראפארטירט, אז די באלשעוויקעס זענען בעפאלען די באהן־סטאציע פון צווי זייטען, נעמליך, פון דער זייט פון לעווינסאנס צוקער־פאבריק און פון קלאוועס ביער־ברויעריי. דער פעטלורישער פאנצער־צוג „סטרעליעץ", וואס גע־פינט זיך אויף דער סטאציע, שלאגט אב די אנגריפען און די איבערמאכט איז אויף דער זייט פון די פעטלוראווצעס. צוליעב דעם, וואס די מעדיצי־נישע אינסטיטוציעס פון דענישען רויטען קרייץ האבען זיך געפונען אויף דער ליניע פון דער שיסעריי, זענען אלע קראנקע און פערוואונדע־טע צוזאמען מיט די סאניטארען זיך צעלאפען, און מאנכע פון זיי הא־בען זיך בעהאלטען אין די קעסלען פון דעם בעשפייזונגס־פונקט.

איך האב מיך זאפארט אנגעטהון און צוזאמען מיט אורבאניאקן בין איך צוריק אין דער ריכטונג פון עטאפ. עס איז נאך געווען פינסטער און מורא האבענדיג מען זאל אונז נישט אננעהמען פאר שפיאנען, האב איך געמוזט אברוקען זיך אן א זייט און ליגענדיג אבסערווירען די שלאכט. אין דער צייט פון אונזער אבסערוואציע האבען מיר בעמערקט די זיך דערנעהנטערענדע באלשעוויקעס און גלייכצייטיג די אויף אלע פיער קריכענדע קראנקע און אנגעשטעלטע פון עטאפ. די קוילען זענען געפלוי־גען איבער אונזערע קעפ, צוליעב וואס מיר האבען געמוזט זיך צוריקצי־הען אין דער ריכטונג פון עטאפ־שטאב, ד. ה. צו לעווינזאנס קאזארמעס און מיר האבען מיטגעבראכט מיט זיך די קראנקע, וועלכע מיר האבען אנ־

משואה
MASSUAH

געטראָפען אויפ'ן וועג. דער קאַמף האָט זיך פערצויגען ביז אין דערפריה — בעזיעגט האָבען די פעטלוראָווצעס. איך בין תיכף אַוועק אויפ'ן וואָקזאַל, כדי צונויפצוזאַמלען אַלע קראַנקע און פערוואונדעטע. אין דעם רעגישען שטאַפּ, וואָס איז געווען מיר אַנפערטרויט, האָב איך פעסטגעשטעלט קליינע בעשעדיגונגען, כמעט אַלע שויבען זענען אויסגעהאַקט געוואָרען, קיין פערוואונדעטע האָב איך נישט געפונען. אַלעס אַנדערע איז געווען אין אָרדנונג, אויך די שטאַפּ-פאַטרולען האָבען זיך געפונען אויף זייערע פּאָסטענס.

בשעת מיין אינספּעקציע האָבען אַנגעהויבען אָנצוקומען אין דער קיך פון שטאַפּ פעטלוראָווצעס, וועלכע האָבען זיך בערימט מיט זייער נצחון און דערביי געוואָרפען פערשידענע דראָהונגען אויף אַדרעס פון אידען. די דאָזיגע דראָהונגען האָב איך שוין פריהער נישט איינמאָל געהערט און דעריבער האָב איך זיי נישט צוגעגעבען קיין בעדייטונג. אַוועקגעהענדיג פון דער שטאַפּ-קיך, בין איך פערהאַלטען געוואָרען ביים אַרויסגאַנג דורך מיינע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבען מיר איבערגעגעבען, אַז לויט די רייד פון פעטלוראַס סאָלדאַטען, וועט היינט אַטאַמאַן סעמעסענקאָ איינאָרדנען אַ פּאָגראָם אויף אידען.

— איך האָב נישט ליעב צו הערען קיין נאַרישע ראַפּאָרטען, פאַרוואָס און פאַר ווען? — האָב איך געפרעגט.

די אָנגעשטעלטע האָבען זיך צעטומעלט און האָבען אויסדרייענט מיר געענטפערט, אַז דעם אָנפאַל אויפ'ן וואָקזאַל האָבען אָרגאַניזירט די אידען. איך האָב געפרעגט: „פון וואַנען ווייסט איהר דאָס, אַז די אָנפאַלער זענען געווען אידען, עס איז דאָך געווען אַזוי פינסטער, אַז עס איז שווער געווען אפילו צו בעמערקען אַ מענש, היינט ווי איז דאָס מעגליך געווען צו אונטערשיידען, ווער די אָנפאַלער זענען געווען? איך האָב זיך געפונען גאָר נאָהענט און אויך גאָרנישט בעמערקט, און איהר זאָגט דאָך געלעגען אויסגעצויגען אויף דער פּאָדלאָגע אין קיך.

— זעהר ריכטיג, ה' קאָמענדאַנט — האָבען געענטפערט מיינע אָנגעשטעלטע, — סיי מיר סיי די פעטלוראָווצעס האָבען גאָרנישט געקענט זעהען, נאָר די לעצטע דערצעהלען, אַז נעבען קלאָזעט ברויערייע געפינט זיך צווישען די ער'הרג'עטע אויך אַ איד.

אזוי ווי זיינט פעטלוראַס איבערקערעניש זענען די אידען, זיי אויך

די פּאָליאַקן שטאַרק געראָדפט געוואָרען און האָבן זיך געפיהלט אונטער
משואה MASSUAH
אַ שווערן יאָך, לעבענדיג אין אַ כסדר'דיגן פּחד, צוליעב די סיסטע-
מאַטישע אָנפאַלען און רויבעריִיען, האָב איך נישט געגלויבט, אז עס זאָל
מעגליך זיין, דאָס אידען זאָלען האָבן אָרגאַניזירט אַ אָנפאַל אויף די פּעט-
לוראַוּצעס. אָבער כדי זיך פּערזענליך צו איבערצייגען דערין, האָב איך
געהייסען מיר אָנווייזען דאָס אָרט, וואו עס געפינט זיך דער טויטער קער-
פּער פון דעם אידען. ביי דער גענויער אונטערזוכונג פון אלע דערהרג'עטע
האָב איך קיין אידען נישט געפונען. די דערהרג'עטע, אין דער צאָהל פון
11 פּערזאָן, זענען געווען אַנגעטהון אין זעלנערישע קליידער, נאָר זייער
אוניפאָרם איז נישט געווען ענליך צו דער באָלשעוויסטישער. זיי האָבן
געטראָגען אַלטע בגדים, וועלכע זענען אַפּטמאָל בעשטאַנען בלויז פון אַ
וועסט און אַ פּאָר הויזען. דאָס האָט מיך געבראַכט צו דער איבערצייגונג,
אַז די דערהרג'עטע זענען געווען איינפאַכע באַנדי-רויבער, וועלכע פּלעגן
צו יענער צייט אַפטמאָל בעפאַלען די וואָקזאַלען. מעגליך, אַז איך האָב
געהאַט אַ טעות, נאָר אויב דאָס זענען ווירקליך געווען באָלשעוויקעס, —
האָבן זיי איינגעאָרדענט זייער אַנפאַל זעהר שלעכט און אָהן שום פּלאַן,
ווייל אין יענער צייט איז דאָס בעהערשען אַ פּאַנצער-צוג נישט געווען אַזוי
שווער און וואָלט נישט אַנגעטראָפען אויף קיין ווידערשטאַנד מצד די
שיכורענדע פּעטלוראַוּצעס. דעריבער צווייפעל איך, צי אָרגאַניזירטע מי-
ליטערישע כוחות זאָלען האָבן געקאָנט מאַכען אַזאַ אידיאָטישען שריט,
זיי בעשיסען דעם וואָקזאַל אויף אַ געוויסען מרחק, וועהרענד פון דער
שטאָדט האָבן זיי געקאָנט קומען צו הילף פּערהעלטניסמעסיג קליינע
קרעפטען.

אויסקערענדיג זיך פון דער אויבענדערמאָהנטער איספּעקציע און הע-
רענדיג אונטערוועגס וועגען דעם בעפאָרשטעהענדען פּאָגראָם אויף אידען,
האָב איך בעפוילען אורבאַניאַק'ן, ער זאָל גענוי אויספאָרשען די ריכטיג-
קייט פון די דאָזיגע ווערסיעס. בעת איך האָב אַרויסגעשיקט אורבאַניאַק'ן
אויף דער דאָזיגער „ראַזוועדקע", האָט זיך מיר אַבסאָלוט נישט געלעגט
אויפ'ן שכל, אַז דער פּאָגראָם אויף אידען זאָל ווירקליך קאָנען פּאָרקומען;
איך האָב איהם אָבער געשיקט נישט כדי צו בעפרידיגען מיין נייגיריג-
קייט, נאָר הויפּטזעכליך צוליעב דעם, כדי איך זאָל קאָנען בעצייטענס מעל-
דען וועגען דעם מיין מעדיצינישען פּערסאָנאַל, וועלכער איז בעשטאַנען



משואה
MASSUAH

פון אידען. אין דער צייט פון דער אייראפעאישער מלחמה, איז מיר נישט איין מאל אויסגעקומען איינצוהאלטען די פערשידענע אתארדנונגען פון די רוסישע סאלדאטען, וועלכע פלעגען פארקומען הויפטזעכליך בעת דאס מיליטער איז אכגעטרעטען און פלעגען זיך עקדיגען בלויז מיט שלאגען אידען און רויבערן זייערע געשעפטען. איך האב געטראכט, אז אויך אין פראסקוראוו וועט זיך עקדיגען מיט דעמזעלבען און לכבוד דעם נצחון וועלען די פעטלוראוצעס שלאגען די ערשטע אידען, וועלכע זיי וועלען בעגעגענען און וועלען אויפהאקען און צערייסען זייערע געשעפ-טען. ווייטער זענען מיינע השערות אין דער ערשטער זייט נישט געטאנ-גען, און אזוי ווי איך האב געקענט די אידען אלס מענשען מיט א פאר-אויסזעהענדיגען בליק און מיט א גלענצענדער אינטואיציע, האב איך נישט געצווייפעלט, אז מיינע השערות זענען ריכטיג. מיך האט אבער נישט געלאזט רוהען איין געדאנק, נעמליך — פארוואס די פעטלוראוצעס ווארטען אזוי לאנג און פיהרען נישט אויס זייערע דראהונגען. אורבאניאק איז צוריקגעקומען פון דער „ראזוויעדקיע" ארום 10 אזייגער פריה און האט מיר איבערגעגעבען, דאס ער האט פעסטגעשטעלט אויפ'ן גרונד פון ידיעות, וואס שטאמען פון א גלויבענסווירדיגער קוועלע, אז עס ווערט צוגעגרייט א פאגראם אויף אידען, וועלכער וועט געוויס פארקומען נאך דעם, ווי סיוועט אנקומען דער געהעריגער בעפעהל פונ'ם הויפט-אטאמאן פעטלורא. אויף מיין פראגע וועגען די סיבות, האט אורבאניאק געענטפערט, אז די פעטלוראוצעס זענען חושד די אידען אינ'ם אנפאל אויפ'ן וואקזאל און אחוץ דעם זאגט מען, אז די אידען האבען ארעסטירט אטא-מאן בעמעסענקא'ס שטאבס-קאפיטאן.

— „צי האבען זיי וועלכע עס איז בעוויזען און צי האבען זיי ארעס-טירט וועמען עס איז פון די אידען?" — פרעג איך אורבאניאק'ן.

— קיין בעוויזען האבען זיי נישט געפונען — ענטפערט ער — און זיי האבען אויך קיינעם פון די אידען נישט ארעסטירט, מען זאגט אבער, אז די אידען האבען בעפרייט דעם ארעסטירטען שטאבס-קאפיטאן ערשט נאכדעם, ווי מען האט זיי גענומען דראהען.

— קאן מען דען גלויבען, אז די אידען, וועלכע קענען זעהר גוט די הערשענדע שטימונג, זאלען זיך ערלויבען אזא דרייסטען שריט?

— איך גלויב נישט — האט געענטפערט אורבאניאק — נאר איך זעה, אז די פאדאליער און בעלגאראדער פאלקען סימפאטיזירען מיט די

משואה
MASSUAH

באלשעוויקעס. וואס אנבעלאנגט די אידען, איז מעגליך, אז טאנכע פון
זיי נעהמען אנטייל אין דער פראפאגאנדע, אבער קיינמאל נישט אין א
אנגריף.

— אלזא לויט דיין מיינונג איז דער פאגראם אויף אידען אומפער-
מיידליך, אדער זענען עס בלויז דראהונגען?

— לויט דער שטימונג צווישען די קאזאקען — האט געענטפערט
אורבאניאק — זעהען דאס נישט קיין פוסטע דראהונגען און זיי וואלטען
שוין פון לאנג די דראהונגען אויסגעפיהרט, ווען נישט דאס, וואס עס
ווערט פארבערייטעט א שחיטה אין א גרעסערען מאסשטאב און מען
ווארט נאר אויף פעטלוראס בעפעהל.

נאך דעם דאזיגען געשפרעך, האב איך געהייסען אורבאניאקן, ער
זאל נישט פערלירען קיין איין מינוט און מעלדען וועגען דעם די דאק-
טוירים סטערניק אכליאנד און ליכטענשטיין, ווי אויך אונזערע אידישע
„פאדריאדטשיקעס", זיי זאלען צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס זיך בע-
האלטען אינ'ם עטאפ און זיי זאלען אויך געבען צו וויסען זייערע נעהנ-
טערע בעקאנטע וועגען דער בעפארשטעהנדער געפאהר. איך האב גע-
גלויבט אורבאניאקן, ווייל ער האט קיינמאל קיין ליגען פון זיין מויל
נישט ארויסגעבראכט און הגם ער האט בעקומען בלויז א גאנץ נישטיגע
בילדונג, האט ער אבער אלס געוועזענער וואכטמייסטער אין דער צארישער
ארמעע געהאט גרויסע מעהיגקייטען פאר'ן אויסשפירונגס-דיענסט. טראץ
אלעם האט זיך דאס אלץ מיר אויסגעדאכט צו זיין רעטועלהאפט. פאר-
וואס? וואס בעצוועקט דאס? — האב איך מיר געטראכט — צי איז דאס
נאר צוליעב האב און גוטס, אדער כדי צו פערשטארקען דעם אויטאריטעט
ביים פויערטום — צי האט פעטלורא ווייניג געלד? צווישען די דערהרגע-
טע, וואס זענען געפאלען אויף דער זייט פון די אנפאלער, האט מען קיין
אידען נישט געפונען, אזוי אז וועגען נעהמען נקמה פאר'ן אנפאל האט
נאר קיין רייד נישט געקאנט זיין; אויב עס זאל זיך ווידער האנדלען וועגען
א מפאנירען די אוקראינישע פויערים, האט דאך שוין פעטלורא זיי גענוג
איםפאנירט, צורויבענדיג די ערד ביי די פוילישע גוטס-בעזיצער און אויס-
קילעדיג די פאליאקען, צו וועלכע די ערד האט געהערט. ביי די אידען
זענען דאך קיין ערד-גיטער נישט געווען; ביי זיי האט מען געקאנט רויי-
בען נאר געלד אדער חפצים. אבער אויך געלד האט דאך פעטלורא גע-
האט גענוג. האט ער דאך ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע זאלען צא-

משואה
MASSUAH

האסענבערגען און זיין שאַז־קאַמער דאָס גאַנצע צאַרישע געלד (איין געלד און זילבער) און עס אויסבייטען אויף אוקראַינישע „גריוונעס". פאַקטיש האָט מען דאָס געלד נישט אויסגעביטען, נאָר יעדען אַרויסגעגעבען בלויז אַ קוויטונג אויף דער סומע, וואָס ער האָט געבראַכט. קיין געלד האָט אַלזאָ פעטלוראַ'ן אויך נישט געפעהלט. אָדער אפשר — האָב איך מיר ווייטער געטראַכט — וויל ער מיט דעם דאָזיגען פּאָגראָם בעלוינען דאָס פויערטום, וואָס האָט הויפּטזעכליך געטראָגען דאָס געלד אין דער שאַז־קאַמער, אָדער אפשר גאָר האָט ער געביטען זיין פּאָליטיק און ניל פער־ענדיגען דאָס שפּיעל מיט די אידען, האַלטענדיג, אז די אידען זענען אינ'ם איצטיגען מאָמענט פאַר איהם דאָס פינפטע ראָד ביי'ם וואָגען. וואָס ער האָט געוואָלט — וועלען מיר אינגיכען זעהען.

## II.

אינ'ם קריטישען טאָג, דעם 15־טען פעברואַר 1919, אַרום 12 אזייגער בייטאָג האָבען די קאָזאַקען פונ'ם פּוּלק אויפ'ן נאָמען פונ'ם הויפּט־אַטאַמאַן פּעטלוראַ און די היידאַמאַקעס (די פריי־ווילינע פויערישע אַבטיילונגען) אונטער דער אָנפיהרונג פון אַטאַמאַן סעמעסענקאָ, צוטיילענדיג זיך אין גרופּען צו 10 פּערזאָן, אָנגעהויבען דעם פּאָגראָם אויף אידען. לכתחילה זענען זיי בעפאַלען די אידען, וואָס זיי האָבען בעגעגענט אויף דער גאַס, דאַן האָבען זיי זיך אַריינגעריסען אין די הייזער, וואו זיי האָבען אונברח־מנות'דיג און קאַלטבלוטיג אויסגעקוילעט אַלע אָהן אויסנאַהם, נישט אָב־טענדיג נישט אויפ'ן עלטער, נישט אויפ'ן געשלעכט. דערשראָקענע פון דער פּלוצלינגער שחיטה און נישט וויסענדיג וועגען דעם, אז דער פּאָג־ראָם איז אַ געפּלאַנטער, זענען די אידען זיך צולאָפען אין פּאַניק אויף אַלע קוילען, אנטלויפט!

די, וואָס זענען געווען פיזיש גענוג קרעפטיג, האָבען בעוויזען צו אנטלויפען, די שוואַכע אָבער, זעהענדיג אַרום זיך דעם מלאך המות, זענען געפאַלען אויף די גאַסען אין חלשות. דער צער, די געשרייען, די קרעכצען, דאָס געיאָמער, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון די ווייטיג־ גע הערצער, ווי אויך דאָס געקרעכץ פון די קלאַפּענדע שווערדען און קנ־ זשאַלען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין אַקאָרד. דער ערשטער קרבן, וועגען וועלכען מען האָט מיר געמאָלדען, איז געווען דער ליפערא־נט פון פלייש פאַר'ן שטאַב. מען האָט איהם דערהרג'עט, צוהאַקענדיג איהם אויף

משואה
MASSUAH

ברעקלעך, אויפן עק פון קאנסטאנטינאווער גאס. איך בין זאפארט אוועק אויפן עטאפ און נאכדעם, ווי איך האב ארויסגעגעבן די ענטשפרעכנדע פעראָרדנונגען, האב איך געשיקט צו דער פאמיליע פונ'ם דערהרג'עטען פלייש-ליפעראנט דעם פערוואלטער פון די עטאפ-מאגאזינען, ה' סליווינסקי. איך האב אויך געשיקט עטליכע פון מיינע פאטרול-מיטגלידער צו בעשיצען דאס לעבען פון אונזער געבעקס-ליפעראנט. בשעת איך האב ארויסגעגעבן די דאזיגע פעראָרדנונגען, האט מען מיר איבערגעגעבן, אז די דינערין אין עטאפ, וועלכע וואוינט אין קלאוועס הויז, דאס ווייב פונ'ם געוו. קאמענדאנט פונ'ם פראסקוראווער וואקזאל, פרוי פעטראוו בעט הילף, זייענדיג זעהר איבערגעשראקען דורך דעם, וואס עס קומט פאר. אוועקפיהרענדיג פון דעם דאזיגען הויז די שטארק איבערגעשראקענע פרוי, בין איך געווען געצוואונגען צו געהן איבער פערשידענע הינטער-געסלעך און אבווענדען איהר אויפמערקזאמקייט פון די אידישע הרוגים, וואס זענען נאך ווארימע געלעגען אויף דער ערד און געציטערט. ווען כ'האב געבראכט די פרוי פעטראוו אויפן עטאפ, בין איך אריין אין מיין קאבינעט. פלוצלונג איז צו מיר אריינגעלאפען אהן א אטעם און כמעט אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד דער פערוואלטער פון די מאגאזינען, ה' סליווינסקי. דערשטיקענדיג אין זיך דאס געוויין, האט ער מיר דערצעהלט, אז אנקומענדיג אין דער וואוינונג פונ'ם דערהרגעטען פלייש-ליפעראנט, האט ער געטראפען ליגען אויף דר'ערד אין א טייך בלוט די צוויי דערוואקסענע טעכטער פונ'ם ליפעראנט, וועלכע זענען געווען דורכגעשטאכען מיט שפיזען. זיי האבען זיך געווארפען אין שרעקליכע יסורים און צוגעטוליעט צו זיך זייער שוין גוסס'דיגע, יונגע שוועסטער. אין די אנדערע צימערן זענען געלעגען צוהאקטע מיט שווערדען די טויטע קערפערס פון די איבעריגע מיטגלידער פון דער פאמיליע. ווען סליווינסקי האט דאס דערצעהלט, האט ער אויסגעזעהן צו זיין נישט ביים קלארען זינען. איך האב געמוזט איהם בערוהיגען, אפעלירענדיג צו זיין מענערישען מוט און קאלטבלוטיגקייט. מען האט באלד געגעבען מעדיצינישע הילף די אומגליקליכע טעכטער פון דעם פלייש-ליפעראנט און ס'האט זיי בעהאלטען אין א זיכערען ארט.

מיך האט בעאונרוהיגט די לאנגע אבוועזענהייט פון אורבאניאק, וועמען איך האב איבערגעגעבן אזא וויכטיגע מיסיע, דערצו האט קיינער פון די סאגיטארען נישט געוואוסט וועגען דעם גורל פון די האקטוירים

משואה
MASSUAH

סטערניק, אכליאנד און ליכטענשטיין, וועלכע זענען באלד ביים אנהויב פונ'ם פאגראם אוועקגעלאפען צו זייערע פאמיליעס. דורך הערטערוועגען האבען אנגעהויבען אנצוקומען איינצעלנע אידען, וואס זענען אנטלאפען פון דער שטאדט, מאנכע זענען געקומען מיט קליינע קינדער אויף די הענט. נידערגעשלאגען פון זייער צער, האב איך פערבעהאלטען די אנקומענדע און די אנטלאפענע אין לעווינסאנ'ס קאזארמעס, ד. ה. דארט, וואו ס'האט זיך געפונען א מין עטאפ-שטוב, און וואו איך האב געוואוינט צוזאמען מיט מיינע אנגעשטעלטע. בשעת'ן פערבעהאלטען די אידען האב איך בעמערקט אויף די פנים'ער פון מיינע אנגעשטעלטע גרימאסען פון אונצופרידענהייט. איך האב דערויף נישט געלעגט קיין אכט, גלויבענדיג, אז דאס איז א סימן פון דער געוועהנליכער אפאטיע, וועלכע בעהערשט אפטמאל די מענשען בשעת א שטארקער נערוועאישער אויפטרייסלונג.

ארום דריי בייטאג איז צוריק געקומען אורבאניאק און האט געמעלדען, אז ער איז צוריק געקומען פריהער, נאר ער האט נישט געהאט קיין העזה מיך צו בעאונרוהיגען בשעת'ן מיטאג.

די דאזיגע אידעלקייט איז געווען איבעריג — האב איך גענטפערט — אין אזא שווערער צייט קאן אפילו קיין רייד נישט זיין וועגען מיטאג...

אורבאניאק האט אויסגעפיהרט אלץ גאנץ גוט, ער האט אבער נישט געקאנט געפינען דעם ה"ר ליכטענשטיין און דעם פלייש-ליפעראנט. אלס סיבה פון זיין לאנגער אבוועזענהייט האט ער אנגעגעבען דאס, וואס ער איז געווען געצוואונגען צו פערבלייבען אין דער וואוינונג פון געבעקס-ליפעראנט, וואו עס זענען אנגעפאלען די קאזאקען. ער האט דעם בעקער מיט זיין פאמיליע בעהאלטען אין דער בעקעריי און פערלאזט האט ער זיי ערשט דאן, ווען עס איז אנגעקומען דער פאטרול, וועלכען איך האב געשיקט צו בעשיצען די בעקעריי. זיי זענען אויסער יעדער געפאהר — האט מיר געזאגט אורבאניאק — די אידען האבען בעגעגענט דעם פאטרול מיט שמחה און מכבד געווען מיט אלעם גוטען. צום סוף פון זיין ראפארט האט אורבאניאק צוגעגעבען, אז נאך זיין צוריק קומען אויפ'ן עטאפ האט ער געהערט, ווי עטליכע פון די אנגעשטעלטע האבען הויך אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט צוליעב דעם, וואס איך האב בעהאלטען די אידען, נאר

משואה MASSUAH

אזוי ווי זייערע אויסדריקען זענען א בעליידיגונג פאר מיר, שעמט ער זיך זיי צו איבער'חזר'ן.

פאר'ן וואויל פון דער זאך און כדי צו פערטיידיגען זיך פאר שלעכטע מענשען, מוז איך אלץ וויסען — האב איך געענטפערט — און דעריבער שעהם איך זיך נישט און זאג אלץ.

— אונזער שרייב־מאשיניסטין, א פראוואסלאווע, דאס ווייב פון א געוועזענעם קאפיטאן און איצט אן אנגעשטעלטע אין עטאפ, פרוי או. האט אין דער אנוועזענהייט פון פיעל פערזאנען געזאגט, אז „די אידען זענען איינס פון די אונדאנקבארסטע פעלקער, זיי נארען אב אפילו אין מאמענט, ווען זיי פגר'ן, און די לעבעדיגע געדענקען נאר דאס שלעכטע און נעהמען נקמה פאר דער מינדעסטער בעליידיגונג. אין פאל פון א אומגליק פערוואנדלען זיך די אידען אין לעמעלעך, זיי וויינען האן און בעטען רחמים, נאר אזוי ווי עס געהט אריבער דער דאזיגער מאמענט, ווערען זיי שונאים און גיכער וועלען זיי אויסשטרעקען די האנט צו א איד — א באנדיט, איידער צו א קריסט, וואס האט זיי פערטיידיגט. נישט אומזיסט קוילעט דער אטאמאן סעמעסענקא די אידען, האט זי געזאגט, און ער וועט נישט מוחל זיין דעם, וועלכער שטערט איהם אין דער דאזיגער ארבייט. אונזער קאמענדאנט איז א הייסער פערטיידיגער פון אידענטום. מיר זענען איהם נישט מקנא, ווייל דאס איז א שאנדע, נאר זאל ער צוזאמען מיט זיך אויך אונז נישט אומברענגען, ווייל ווען סעמעסענקא וועט קומען זיך נוקם זיין אן איהם, קאן ער אלעמען אויסקוילען. דאס איז דאס וויכטיגסטע, האט געזאגט אורבאניאק, דאס איבעריגע איז נישט ווערט אפילו איבערצוחזר'ן.

צי האט איהר מיינונג געפונען די הסכמה פון פיעל מענשען?

— ניין — האט געענטפערט אורבאניאק — פיליכט בלויז ביי איהר איינענעם מאן און מן הסתם אויך ביי איהר „פרייעד“, דעם לייטער פון דעם ווירטשאפטליכען טייל פון עטאפ, הער א.

— א דאנק, אורבאניאק, איך האב א ריינעם געוויסען, איך קאן זיך נישט גריבלען אין דער נאציאנאליטעט פון די ליידענדע אדער זיך אריינלאזען אין זייערע מעלות און חסרונות. אלע פיהלען זייער פיין און א גלייכער מאס, און די דאזיגע פרוי בין איך נישט מקנא פאר איהר דרייסטער פראוואקאציע אין אזא טרויעריגען מאמענט.

האלטענדיג, אז אין אזא קריטישען מאמענט קאן פאסירען אלעס מעג־

משואה
MASSUAH

ליכע, בין איך אוועקגעגאנגען אויפ'ן עטאפ און איך האב פאר די אנגעשטעלטע געהאלטען פאלגענדע רעדע:

„איך האב בעמערקט אויף געוויסע געזיכטער א אונצופרידענהייט דערמיט, וואס איך בעהאלט די יעניגע, וואס ראטעווען זיך פאר דער שחיטה, פאר שאנד און פיין. צי קאן מען מיין האנדלונג בעצייכענען אלס א מוטיגע אדער שענדליכע? ניין, ס'איז נישט דאס ערשטע און נישט דאס צווייטע. ס'איז די שטימע פון מענשליכען געוויסען, איך גיב זיך אב א קלארען דין וחשבון פון מיין האנדלונג, און איך ווייס, אז דער פאגראמשטשיק סעמעסענקא קלויבט נישט איבער קיין מיטלען, נאר די געפאהר, וועלכע דראהט אויסשליסליך מיר, האלט איך פאר א נישטיגע אין פערגלייך מיט דעם אונשולדיג פערגאסענעם בלוט פון די קינדער, פרויען און זקנים, און דאריבער, אויב עמיצער פון אייך ציטערט פאר זיין אייגענ לעבען, ערלויב איך איהם אויף דער צייט פון פאגראם צו פערלאזען דעם עטאפ און נאכהער אומקעהרענדיג זיך, מיר פארשטעלען זיינע הוצאות אויף אויסהאלטען זיך.

און ווענדענדיג זיך צו ודער פרוי א. האב איך צוגעגעבען: „איך האט אייך נישט דאס צו טהון, מחמת אין איצטיגען געפעהרליכען מאמענט איז לייכט צו האבען א טעות". זי איז געווען לויט'ן אויסזעהען זעהר ערגליך צו א אידיש קינד און איהר טיידעלשע פאמיליע איז געווען א אידישע. אין ארקראינא האט זיך דא נישט לאנג געגאסען אונשולדיג קאטויליש בלוט, אייצט גיסט זיך אויך פונקט אזא אונשולדיג אידיש בלוט און ווער ווייסט, צי עס וועט נישט פערגאסען ווערען אויך פראוואסלאוויש בלוט. צי וועט זיך דאן געפינען א מענש, וועלכער וועט האלטען, אז די פערטיידיגונג פון אונשולדיגע איז א שענדליכע טהאט? ניין, דאן וועט מען אזא מענש שוין נישט געפינען און בפרט נישט אין א וואוילטעטיגער אנשטאלט, וואס איהר אויפגאבע איז בארמהערציגקייט און הילף פאר ליידענדע. איך האב נישט מורא פארן טוידט, דערין האט איהר זיך נישט איינמאל איבערצייגט, נאר איך וועל נישט דערלאזען, אז מען זאל ביי מיר אויסרייסען די אומגליקליכע ליידענדע, וועלכע איך האב בעהאלטען, נאר אויב די רויהע קראפט וועט מיך גובר זיין זאל מיין בלוט בעלאסטען דאס געוויסען פון די, וואס האבען דערצו צוגעלעגט זייער האנד". דאס זאגענדיג, בין איך אוועק.

אויפ'ן עטאפ זענען געקומען וואס א מאל נייע אידען, וואס זענען

משואה
MASSUAH

צום 4-טען מאָל איז אָבגעגעבען געוואָרען אַ זאַלפּ. נישט אַלע זענען מיט אַמאָל געפאַלען אויף דער ערד, אייניגע זענען געפאַלען אויף דער ווּנד, אַנדערע זענען נאָך אַ געוויסע צייט געשטאַנען, עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס פאַלענדיג האָבען זיי קאָנוואולסיוו געוואָרפען מיט די הענד, אַנדערע האָבען אין זייערע טויט-קאָנוואולסיעס געגראָבען מיט די הענד די ערד און אַזוי געשטאָרבען... אין דער צווייטער פּאַרטיע, זענען געווען די זקנים, ווייבער און קינדער. זייער טויט איז געווען נאָך שרעקליכער. דאָ האָט מען נישט געמאַכט קיין שום רעגיסטראַציע. מ'האָט גלייך דערהרגעט אויף פערשידענע אופנים. די אַלטע האָט מען צעשפּאַלטען די קעפּ מיט די קאָלבעס און דאַן האָט מען זיי צוהאַקט מיט די שווערדען. ביי די פרויען האָט מען פריהער אַרויסגעריסען פון די הענד די קינדער, וועלכע מ'האָט פאַר די פיסלעך געוואָרפען אין דער תּויך, און דאַן אונטערגעשטעלט די באַגנעטען, אויף וועלכע מען האָט אויפגעכאַפּט די אונשולדיגע עופה'לעך... זעהענדיג, ווי זייערע קליינע קינדער פלאַטערן אויף די באַגנעטען, זענען די מוטערס ממש אָראָב פון זינען און האָבען בוכשטעבליך געוואָיעט פון אומגליק און צער, וואַרפענדיג זיך אויף די באַנדיטען-כאַלדאַטען ווי ווילדע חיות. די זעלנער האָבען אָבגעשטויסען די פרויען מיט די קאָלבעס און האַלטענדיג די קינדער אויף די באַגנעטען האָבען זיי אָבגעהאַקט זייערע קעפּלעך און דאַן צוגעוואָרפען די קערפּערלעך צו די מוטערס גלייך פון די באַגנעטען אַראָב. דערנאָך האָבען זיי מיט די באַגנעטען ערמאָרדעט די מוטערס און זיי צושניטען מיט די שווערדען אויף שטיקלעך. (מען האָט מיר דערציהלט, אז פון די קינדערשע קעפּלעך האָט מען געמאַכט קרענץ און זיי אַרויסגעהאָנגען אויף די באַלקאָנען פון דער אַלעקסאַנדראָווסקאַ גאַס, — נאָר איך אַליין האָב דאָס נישט געזעהען).

אַזאַ ווילדקייט האָט נאָך די וועלט נישט געזעהען. קיין שום פעדער וועט דאָס נישט קאָנען בעשרייבען, קיין שום מויל וועט דאָס נישט קאָנען שילדערן.

משואה
MASSUAH

## III.

אויפֿן עטאַפּ זענען צו מיין פֿרייד אָנגעקומען די דאָקטוירים סטערניק און אַבליאַנד מיט זייערע פֿאַמיליעס, און דאַן די עלטערע באַרמהערציגע שוועסטער פֿון'ם עטאַפּ, פֿריילין ס. מ. שולמאַן. די פֿרויען האָב איך אָבגעגעבן מיין וואָהנונג, און צוליב מאַנגעל אין אָרט האָב איך זיך אַליין איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט די דאָקטוירים אינ'ם פֿאָדער-צימער, וואו מיר האָבן איבערגעלעבט אַ אומרוהיגע נאַכט. די דאָקטוירים האָבן זיך נישט געוואָלט לייגען אויף דעם בעט, וואָס מ'האָט האַרט אַריינגעשטעלט, אָבטרעטענדיג דאָס בעט מיר, און זיי אַליין האָבן זיך געלעגט אויף דער ערד.

ביינאַכט איז געקומען צו מיר די יונגערע באַרמהערציגע שוועסטער פֿריילין שולמאַן און האָט יאָמערנדיג דערציילט, אַז מ'האָט דערהרגעט איהר פֿאָטער. זייער פֿאָטער האָט געהערט צו די אָנגעזעהענסטע און איינפֿלוסרייכסטע מענשען אין דער שטאָדט, ער איז געווען זעהר רייך און האָט נישט מורא געהאַט פֿאַר'ן טויט פֿון די הענד פֿון סעמעסענקאָ'ס קאַזאַקען. ווען צו איהם זענען געקומען די קאַזאַקען, האָט ער זיי פֿיין אויפֿגענומען און האָט זיי אָבגעגעבן דאָס גאַנצע געלד און אַלע קאָסטבאַרע חפֿצים, וואָס ער האָט פֿערמאָגט. וויזענדיג אַזוי אַרום, אַז ער בעהאַלט נאָרנישט, האָט ער זיי נאָך אָבגעפֿיהרט ביז דער טהיר, אָבער אינ'ם מאָמענט, ווען ער האָט זיך מיט זיי געזעגענט, האָבן זיי איהם פֿלוצלונג דערשטאָכען מיט די באַגנעטען (די פּעטליוראָווצעס האָבן אָפֿט בענוצט דאָס דאָזיגע סיסטעם). וויסענדיג, אַז די עלטערע שוועסטער שולמאַן ליידט אויפֿ'ן האַרצען, האָב איך נישט צוגעלאָזט צו איהר די יונגערע שוועסטער, וועלכע האָט זיך געבאָדען אין טרעהרען. איך בין אַליין אַוועק צו איהר, כדי צו פֿאַרצובערייטען צו דער שרעקליכער בשורה. דערזעהענדיג מיך,

משואה
MASSUAH

האָט זיך דאָס פרייליין שולמאַן אויפגעכאַפּט פונ׳ם בעט און אַרומכאַפּענדיג איהר קאָפּ מיט די הענט, האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „מיין פאָטער, וואו איז מיין פאָטער?“ איך האָב זי בערוהיגט, ווי נאָר איך האָב געקאָנט, זאָגענדיג איהר, אַז ס׳איז גאָרנישט געשעהן, אַז איהר פאָטער האָט געוואָלט קומען, נאָר צוליב דער מענגע קאָזאַקען, וואָס דרעהען זיך אַרום איבער דער שטאָדט, האָט ער בעשלאָסען צו בלייבען אין דער היים. אויב זי גלויבט נישט דעריין, קאָן איך זאָפאָרט שיקען נאָך איהר יונגערער שוועסטער. נאָר דאָס אַלץ האָט נישט געבראַכט דעם געוואונשטען רעזולטאַט. צום סוף האָב איך געמוזט אָננעהמען אַנדערע מיטלען — איך האָב זי פערשעהמט, זאָגענדיג, אַז איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַן עלטערע בּאַרמהערציגע שוועסטער זאָל אין דער אָנוועזענהייט פון איהר העכסטען פאָרגעזעצטען פערלירען די קראַפט פון זעלבסטבעהערשונג. דאָס האָט געווירקט, זי האָט שוויינענד זיך צוגעהערט און געקוקט מיר גלייך אין די אויגען, נאָר אונטער דער דאָזיגער אויסערליכער רוהיגקייט, האָב איך געפיהלט, אַז דאָס פאָרגעפיהל פון דעם אומגליק איז ביי איהר שטאַרקער פון אַלץ.

עטליך, האָבען מיר זיך דערוואַרט אויפ׳ן פריהמאָרגען. עס איז געווען זונטאָג, דעם 16-טען פעברואר, נאָך דער שווערער בלוטיגער אַרבייט אין משך פון אַ גאַנצער נאַכט. האָבען די קאָזאַקען פונ׳ם פּולק אויפ׳ן נאָמען פונ׳ם הויפּט-אַטאַמאַן פּעטליורא אָנגעהויבען צום צווייטען מאָל דעם פּאָגראָם ערשט אַרום 10 אזייגער אין דער פריה. דורך די שמאָלע געסלעך האָבען מאַסען מענשען געשטראָמט אין דער ריכטונג צום באַזאַר, צו דער קאַטוילישער קירכע, וואו די גלויביגע האָבען תפילה געטהון צו גאָט. דורך די אָפענע טהירען פון דער קירכע האָבען זיך געטראָגען די פייערליכע קלאַנגען פון דער תפילה „אונטער דיין שוץ“. די אַקאָרדען פון דעם ראַזינגען געבעט זענען פערשריען געוואָרען דורך די געוואָלדען פון די קאָזאַקען: „גיבעל זשידאָם!“ (אַ טויט די אידען), די תפילה איז פערשטומט געוואָרען, ווי אַ געפּלאַצטע סטרונע. די איבערגעשראָקענע מענשען זענען אַרויסגעלאָפען פון דער קירכע, זאַמלענדיג זיך הילפסלאָז אין די טויערען, מאַנכע זענען געפאַלען אין אָהנמאַכט, אַנדערע זענען געשטאַנען און געקוקט מיט פערשטאַרטע בליקען אויף דעם סטראַפ פון מלאך המות, וואָס האָט געפּאַכעט איבער די גאַסען, און פּעטליורא׳ס ווילדע יונגען האָבען

משואה
MASSUAH

"בגעהוליעט"... איינער האט מיט זיין קרומער שווערד אבגעהאקט קעפ, וועלכע זיינע חברים האבען נאכהער אויפגעשטאכען אויף זייערע באגנע-טען, א צווייטער האט מיט'ן באגנעט דערשטאכען שוצלאָזע פרויען, א דריטער האט מיט דער שפיז צוגעשלאגען צו דער וואנד די פון שרעק פערשטיינערטע קינדער... אין די אויגען פון דער מוטער, וועלכע האט גע-בעטען רחמים פאר איהר עופהלע, וואס מ'האט איהר פון דער ברוסט אב-געריסען, האט א קאזאק געכאפט דאס קינד פאר די פיסלעך און געפאכעט דערמיט אין דער לופט. דאס געשריי פון דער מוטער איז פערטויבט גע-ווארען דורכ'ן קנאק פונ'ם קינדס קעפעלע, וואס איז צושמעטערט געווארען אן דער וואנד... זעלטען ווער פון די, וואס האבען זיך פערבעהאלטען, האט אויסגעמיטען דעם טויט, ווייל הערענדיג די געשרייען, האבען זיי געמיינט, אז מ'האט ענטדעקט דאס ארט, וואו זיי האבען זיך בעהאלטען און זוכענ-דיג א מעהר פאסענד ארט, פלעגען זיי אריינפאלען אין די ארעמס פונ'ם אונברחמנות'דיגען טויט. די, וואס האבען זיך בעהאלטען אין די קעלערס און זיך דארט פערבאריקאדירט, אויב זיי זענען נישט געשטארבען פון הונגער, האבען זיי געפונען דעם טויט פון די באמבעס, וועלכע מ'האט אהין אריינגעשליידערט. פיעל האבען דארט געפונען א מארטירער-טויט, ווייל מורא האבענדיג צו רופען נאך הילף, כדי זיי זאלען נישט ענטדעקט ווערען, זענען זיי געלעגען שטיל און קושענדיג און האלזענדיג זייערע פער-וואונדעטע קינדער, זיי זאלען נישט שרייען, האבען זיי צוזאמען מיט די קינדער אויסגעהויכט זייערע נשמות...

וועגען איינער א אידישער פרוי, וואס האט געאפפערט איהר לעבען פאר אנדערע, גיב איך דא איבער לויט ווי ס'האט מיר דערצעהלט איינער אן אלטער קראנקער איד, וועלכער האט זיך בעהאלטען ביי מיר אויפ'ן עטאפ. בשעת מ'האט געכאפט די אידען, וואס האבען זיך געהאט בעהאל-טען ביי איהם אין דער וואוינונג און זיך פערטאכט אויף א שלאס, איז דער דאזיגער איד אנטלאפען דורכ'ן פענסטער אויפ'ן הויף ארויס, איבער-לאזענדיג אין דער שטוב זיין קראנקע פרוי און זיין 14-יעהריגע אייניקעל. קוקענדיג דורכ'ן פענסטער, האט ער געזעהן, ווי זיין פרוי האט שנעל ארויס-נעבעט א בעט, וואו זי האט אונטער א מאטראץ בעהאלטען איהר אייני-קעל, און אליין האט זי זיך געלעגט פון אויבען, פערדעקענדיג זיך מיט א פערינע. ווען די קאזאקען האבען זיך אריינגעריסען אין דער וואוינונג, הא-

משואה
MASSUAH

בען זיי געגומען פייניגען מיט פערשידענע עינויים די אלטיטשקע, וועלכע האט זיך געבעטען רחמים, אז זיי זאלען איהר שענקען דאס לעבען. זיי האבען אראבגעריסען דאס העמד פון איהר לייב און איינער פון זיי האט ארייגעשטאכען זיין באגנעט אין איהר געשלעכטליכען ארגאן, א צווייטער האט מיט א שווערד איהר אבגעהאקט דעם קאפ און די ברוסטען, מאכענדיג דערביי הוזק, אז זי וועט מעהר נישט קאנען האבען קיין קינדער און זיי געבען צו זויגען. אזוי ארום איז דאס לעבען פון דעם אייניקעל נעראטעוועט געווארען.

עס זענען געווען אויך אייניגע פאלען פון שטעלען א ווידערשטאנד. אז אך און וועה איז געווען צו דעם, וואס האט מיט זיין ווידערשטאנד נאך מעהר צערייצט די שוין אהן דעם געטוג ווילדע פעטלוראווצעס. איינער א זקן האט, אינ'ם מאמענט ווען א קאזאק האט איהם געוואלט דערשטעכען מיט'ן באגנעט בעוויזען אנצוכאפען דעם באגנעט און האט ארויסגעריסען די ביקס פון דעם באנדיטס הענד. אבער דאן — אך און וועה — פיער באגנעטען האבען דורכגעשטאכען דעם קערפער פונ'ם אונגליקליכען און הויבענדיג איהם מיט די באגנעטען אין דער לופטען, האבען איהם די רוצחים דאן אנידערגעשליידערט צו ר'ערד. זיין קערפער האבען זיי הערנאך צעהאקט אויף שטיקער.

מיט קליינע יונגלעך האבען זיי קיין גרויסע צערעמאניע נישט געמאכט. א זעץ מיט'ן באגנעט, מיט דער שווערד אדער מיט א האק אין קאפ האבען געמאכט א סוף צו זייער לעבען. אבער מיט די קליינע מיידעלעך פלעגען זיי זיך בעגעהן מיט א ראפינירטער אכזריות און ווילדקייט. פריהער פלעגען די באנדיטען שטילען זייערע חיה'שע אינסטינקטען און דאן האבען זיי די שוין פערהל'שטע מיידעלעך דערשטאכען אהן רחמנות.

דעם זעלבען זונטאג אין אווענד איז צו מיר צווישען אנדערע געקומען צולויפען א פלימעניצע פונ'ם איינעטימער פון די קאזארמעס, וועלכע זענען געווען פערנומען דורך כיין עטאפ, און האט מיר געבראכט א בריף פון איהר פעטער לעווינסאן. אין דעם דאזיגען בריף האט מיך לעווינסאן געבעטען אין נאמען פון אלעם הייליגען איך זאל צו איהם שיקען עטליכע בעוואפענטע זעלנער פונ'ם עטאפ, אז זיי זאלען ראטעווען זיין לעבען. אין דעם מאמענט, ווען איך האב געלייענט לעווינסאנ'ס בריף, איז צו מיר אריינגעקומען אוהבאניאק און האט מיר געמאלדען, אז אייניגע פון די

משואה
MASSUAH

זעלנער, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אָנגענומען געוואָרען איפ'ן שטאַב, האָבען זיך פעראייניגט מיט די פּעטלוראַווצעס, און האָט צוגעגעבען, אַז אויך צו די איבערגעבליבענע קאָן מען נישט האָבען קיין צוטרוי. מיין לאַגע איז געווען זעהר אַ שווערע, ווייל מענשען זענען ביי מיר געבליבען זעהר קנאַפּ און דערצו האָב איך זיי געדאַרפט האָבען אויף צו פערשטאַרקען די בעוואַכונג פונ'ם שטאַב גופא און צוליב דעם האָב איך נישט געקאָנט העלפען לעווינסאָנען. פון דער אַנדערער זייט האָב איך שוין נישט געגלויבט די מענשען, ווייל אין אַזאַ שווערער צייט האָבען זיי אַליין געקאָנט דער-מאָרדען לעווינסאָנען, כדי איהם צו בערויבען, אָדער בעת אַ אָנפאַל מצד די פּעטלוראַווצעס, העלפען די באַנדיטען.

איך בין געפאַלען אויף אַן אַנדערע המצאה. איך האָב אַריינגערופען צו זיך אורבאַניאַק'ן און כ'האָב איהם געגעבען צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ געפאַהר עס דראָהט לעווינסאָנען. דאַן האָב איך איהם געמאָלדען, אַז איך וועל אַרויסגעבען אַ בעפעהל, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט נאָך צוויי זעלנער קומען צו מיר מיט אָנגעלאָדענע ביקסען. לויט'ן בעפעהל זענען צו מיר געקומען די אַרויסגערופענע און נאָכדעם ווי איך האָב בעקוקט זייערע ביקסען, האָב איך פעראָרדענט פאָלגענדעס: אַרעסטירען און ברענגען אַהער צופיהרען לעווינסאָנען. היטען איהם, ווי אַן'אויג אין קאָפּ און קיינעם נישט אַרויסגעבען. פערשטאַנען?

— „טאַק טאָטשנאָ".

ווען מ'האָט געבראַכט ‚צופיהרען לעווינסאָנען, איז ער געווען בלאַס, ווי דער טויט, ער האָט נאַרנישט געהערט און כסדר געפרעגט: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט מען מיך אַרעסטירט? וואָס האָב איך געטהון? א. א. וו. ווען מ'האָט לעווינסאָנען אַריינגעפיהרט אין מיין קאַבינעט, האָב איך אַוועקגעשיקט די קאָנוואָי־לייט און דאַן האָב איך איהם געגעבען צו פער-שטעהן, אַז קיין אַנדערע עצה איהם צו ראַטעווען האָב איך נישט געפונען.

* *
*

איינס זעלבען טאָג האָט מען מיר געמאָלדען, אַז דער פאַנצער-צוג „סטריעלעץ" איז אַוועקגעפאָהרען אויף דער סטאַציע יערמאָלינצי, כדי דאָרט צו אַרגאַניזירען אַ פּאָגראָם. ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין יערי-מאָליניצ, האָט מען געזעהן, אַז ביים קאָמאַנדיר. פּתאם צוּ זענען די